Uit: Grine medine 52

www.grinemedine.nl

# ייִדן אין בראַזיל

פּרץ הירשביין

אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט נײַנציק האָבן אַגענטן פֿון דער בראַזיליאַנער רעגירונג אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן ידיעות צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן אין ענגלאַנד, אַז אין בראַזיל באַקומט מען אומזיסט ערד און צו דער ערד געלט, הײַזער, בהמות און אַל דאָס גוטס; אַז אין בראַזיל פֿליסט מילך און האָניק און דעריבער – ווער נאָר עס וויל פֿאָרן אַהין – וועט מען אים מכבֿוד אַוועקפֿירן אויף דעם חשבון פֿון דער רעגירונג. אויך האָט מען מודיע געווען אַז ס'איז נייטיק, יעדער זאָל האָבן אַ גרויסע פֿאַמיליע; וואָס מער נפֿשות איינער האָט אין שטוב, אַלץ מער ערד וועט ער באַקומען.

די אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. נאָך אין דעם אייגענעם זומער איז פֿון ליווערפּולער האַפֿן אָפּגעגאַנגען די שיף "האָמבריאַ", וועלכע האָט געפֿירט אַריבער טויזנט ייִדישע נפֿשות. דער גרעסערער טייל איז באַשטאַנען פֿון שנײַדערסת פּרעסערס. פֿאַמיליעס וועלכע זײַנען געווען קליינע, האָבן זיך פֿאַרן אַוועקפֿאָרן אויסגעבאָרגט אַ פּאָר טעכטער אָדער אַ פּאָר זין פֿון אַ גוטן פֿרײַנד. געפֿאָרן אויף פֿאַרטיקע גליקן. דעם פֿינפֿטן יולי איז די ערשטע פּאַרטיע אָנגעקומען אין בראַזיל, אין דער האַפֿנשטאָט סאַנטאָס און פֿון דאָרט האָט מען זיי אַריבערגעפֿירט קיין סאַן פּאולאָ. מען האָט זיי פֿאַרפֿירט אין דעם גרויסן אימיגראַנטן-הויז פֿון דער רעגירונג, און די ביטערע צײַט האָט זיך אָנגעהויבן... אין אימיגראַנטן-הויז האָבן זיי שוין געטראָפֿן אַ גרופּע פּאָליאַקן, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די ערטער, וווּהין מען האָט זיי , די ייִדן, געדאַרפֿט שיקן, ווײַל די רעגירונג האָט אָנגעוויזן אויף דער פֿרײַער און ווילדער געגנט:

"דאָס האָט איר און ווײַטער באַדאַרפֿט איר זיך אַליין אַרויסהעלפֿן."

מער ווי ערד האָט מען ניט געגעבן. דערצו האָבן זיי פֿון די פּאָליאַקן זיך דערוווּסט אַז אין יענע ערטער וווּהין מען וויל זיי שיקן, הערשט דער געלער פֿיבער און מענטשן פֿאַלן ווי די פֿליגן. דערווײַל איז אָנגעקומען אַ צווייטע שיף מיט אימיגראַנטן און טאַקע באַלד אַ דריטע. די צאָל פֿון ייִדישע לײַט האָט דערגרייכט ביז פֿיר טויזנט. דער עולם האָט זיך ניט געוואָלט רירן פֿון אימיגראַנטן-הויז. קראַנקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן. קינדער זײַנען געשטאָרבן. און אַז די באַאַמטע זײַנען אַרײַנגעקומען און געזען, ווי ייִדישע מאַמעס זיצן אויף דער ערד און באַוויינען זייערע קליינע קינדער, איז אויף זיי אַ פּחד אָנגעפֿאַלן און פֿאַר פּחד אַלע ייִדן פֿון אימיגראַנטן-הויז אַרויסגעטריבן. דער סך-הכּל איז געווען זייער אַ שלעכטער: אַ טייל, וואָס איז געווען פֿאַרמעגלעך, איז אַנטלאָפֿן צוריק קיין אייראָפּע אָדער געצויגן ווײַטער, קיין אַרגענטינע; אַ טייל האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין סאַנטאָס, אַרבעטן אין האַפֿן און איז פֿון געלן פֿיבער אויסגעשטאָרבן; און אַ טייל האָט זוכנדיק זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ בינטל ייִדן, רײַכע, אײַנגעפֿונדעוועטע, וואָס האָבן זיך דאָרט מיט פּרויעןהאַנדל באַשעפֿטיקט, בײַ זיי פֿרײַנדשאַפֿט געטראָפֿן און ביסלעכווײַז אינעם שאַנד שוין מיט קינד און קייט פֿאַרזונקען געוואָרן. אייניקע זײַנען אַוועק אַרבעטן בײַ פֿרעמדע קאַווע-פּלאַנטאַציעס און דאָרטן זײַנען זיי פֿאַרשוווּנדן. בלויז עטלעכע צענדלינג האָבן זיך ווי עס איז אַרויפֿגעשלאָגן אויף אַ וועג און בײַ הײַנטיקע צײַטן פֿאַרנעמען זיי אַן אַנשטענדיק פּלאַץ אין דער געזעלשאַפֿט.

באַנײַט אָבער האָט זיך דער ייִדישער ישובֿ אין בראַזיל ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר[1], כּמעט פֿאַר די לעצטע פֿינף-זעקס יאָר. בײַ איצטיקע צײַטן רעכנט מען, אַז אין ריִאָ דע זשאַנייראָ זאָלן זײַן אַ פּאָר טויזנט ייִדישע נפֿשות, און מערקווערדיק, כּמעט נײַנציק פּראָצענט פֿון זיי זײַנען פֿון דעם שטעטל סוקעראָן, בעסאַראַביע, און פֿון אַרום. ווײַטער קומט סאַן פּאַולאָ, ווו עס געפֿינען זיך בײַ אַ פֿינף הונדערט ייִדישע נפֿשות[2].

פֿון סאַן פּאַולאָ האָב איך מיר אַהין געלאָזט מיט דער באַן דורך אַ ווילדער באַרגיקער און וואַלדיקער געגנט. אַ נאַכט האָט די רײַזע געדויערט. די היץ פֿון וואַגאָן און דער שטויב איז געווען אַזוי גרויס, אַז כ'האָב די נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. קיין ריאָ דע זשאַנייראָ בין איך אין פֿרימאָרגן אָנגעקומען אַן אָפּגעקאָכטע. אַ געזעמל ייִדן האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט און

זייער פֿרײַנדשאַפֿט, וואָס זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן , איז נאָך וואַרמער געווען ווי דער ריאָ דע זשאַנײרער פֿרימאָרגן. כ'האָב באמת ניט דערוואַרט אַזוי פֿיל היימישע פּנימער צו טרעפֿן. ווען איך בין געבליבן אַ ווײַלע אַליין אין האָטעל, האָב איך פֿאַרצייכנט אין מײַן נאָטיצבוך: "ווי וואָלט איך וועלן זען די געשטאַלטן פֿון זייערע אייניקלעך, וואָס וועלן געבוירן ווערן אין דעם אייביק גרינעם לאַנד."

וואָרעם וואַנדערנדיק צווישן די ווילדענישן, ווּו די גאַנצע ציוויליזאַציע האָט אַ פּנים ווי אַ פֿאַרזשאַווערט בלעכן קנעפּל אויף אַ גרין זײַדענעם קלייד – דאָ, אינעם האַרצן פֿון בראַזיל, כסשפּן דיך פּלוצלינג אַרום היימישע יונגע לײַט, מיט היימישע רייד, מיט דעם היימישן שמייכל:

"קומט, מיר וועלן אײַך פֿירן אָנקוקן אונדזער ביבליאָטעק."

אַ ביבליאָטעק טאַקע ניט אויף קאַטאָוועס. די ביכער בלאַנקען אַרויס דורך די גלעזערנע שויבן פֿון די ביכער-שאַפֿעס און בליצן מיט די גילדענע אותיות אויף די רוקנס:

"מיר האָבן דיך געזען אין וואַרשע... דאָרט אין דעם ביכער-פֿאַרלאַג "צענטער" זײַנען מיר אויף די פּאָליצעס געשטאַנען, פֿאַר אַ יאָרן, ווען דו ביסט אַהין אַרײַנגעקומען... טאַקע פֿון יענע פּאָליצעס האָט מען אונדז אַראָפּגענומען, אין קאַסטנס פֿאַרפּאַקט און אַהער, אַזש קיין בראַזיל פֿאַרפֿירט..."

"וואָס קוקט איר מיר אָן אַזוי פֿאַרוווּנדערט? יאָ, אַזוי בלאָנדזשען מיר דאָך אַלע. אַזוי בלאָנדזשענדיק האָט זיך אויסגעבויט דער ריזיקער ייִדישער ישובֿ אין נאָרד-אַמעריקע..."

"וויפֿל זײַט איר דאָ?"

לאָזט זיך אויס, אַז איינער קען דעם אַנדערן און מען מאַכט מיר אַ חשבון, אַז ביז צוויי טויזנט נפֿשות זײַנען דאָ פֿאַראַן. אַלע זײַנען פֿאַראייניקט און אַלע אין איינעם פֿירן אָן אַ ביטערן קאַמף צו באַווײַזן פֿאַר דער אָרטיקער געזעלשאַפֿט, אַז זיי זײַנען עס די ייִדן, די אמתע ייִדן...

"עס פֿאַרוווּנדערט אײַך? ייִדן זאָלן וועלן באַווײַזן פֿאַר דער וועלט, אַז זיי זײַנען ייִדן? פֿאַרגעסט ניט אַז אין בראַזיל, ווי אין אַלע דרום-אַמעריקאַנער לענדער, איז פֿאַראַן נאָך אַ סאָרט ייִדן. אַן עולם פֿון אונדזער גאַס. פֿון ערגעץ זיך אַרויסגעגנבֿעט און עמעצן באַשווינדלט, עמעצן באַגזלט און דעם רויב מיט זיך צוגענומען, און שטיל דאָ אין די טראָפּישע לענדער זיך

אײַנגעוואָרצלט. תּושבֿים זײַנען זײ דאָ, מיט אונדזער יונג פֿלײש און בלוט האַנדלען זײ דאָ...

ווער איז דען בכּוח צו גײן און פֿאָרשן, ווען זײ האָבן זיך אַהער אַריבערגעקליבן? אײנס נאָר איז זיכער: אַז די ערשטע אומגליקלעכע וואָס זײַנען מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק אָנגעקומען אין בראַזיל מיט דער שיף "האָמבריאַ" , פֿון ליווערפּול, דאָ צו ווערן ערד- אַרבעטערס, זײַנען פֿון פֿאַרצווײפֿלונג צו יענע לײַט אין די אָרעמס אַרײַנגעפֿאַלן, וואָס האָבן שפּעטער אויך די טעכטער אַרויסגענאַרט. איצטער שאַצט מען אַז אין ריאָ דע זשאַנײראָ זאָלן זיך געפֿינען ביז אַרום פֿיר טויזנט יִידישע "עפֿנטלעכע" פרויען! זײ רופֿן זיך אַפֿילו "רוסאָס", אָבער אַלע ווײסן, אַז דאָס מײנט מען יִידן.

זײ האָבן דאָס לאַנד פֿאַרפּעסטעט און עס איז אַ שאַנדע געווען זיך אָנצורופֿן מיטן נאָמען יִיד ביז דער לעצטער צײַט."

אַזוי רעדן די נײַ-אָנגעקומענע מיט טרערן אין די אויגן. דער קאַמף דערגרײכט אַ מאָל ביז צו דער פּרעסע. אָבער די פּרעסע, די אָרטיקע, איז אויך מער נוטה נאָכצוגעבן, אַז דאָס יִידישע פֿאָלק באַשטײט פֿון פֿרויען-הענדלערס, אַ סימן אַז בלויז אין בראַזיל האָט דאָס יִידישע פֿאָלק אַזוי פֿיל יונגע יִידישע טעכטער צוגעשטעלט...

"שרײַבט ניט אין צײַטונג, אַז בראַזיל איז אַ שלעכט לאַנד!" בעט מיך אַ יִידישער אינטעליגענט, "עס איז איצטער בלויז אַ שלעכטע צײַט. דאָס לאַנד איז גוט. פֿאַר יִידן לוינט אַהער צו פֿאָרן, פּונקט ווי עס לוינט די ענגלענדערס און די דײַטשן."

[1] דאָ רעדט זיך וועגן 1915

[2] אין 1967 האָט סאַן פּאַולאָ אַריבערגעיאָגט ריאָ דע זשאַנײראָ און צײלט העכער פֿון 60.000 יִידן, און איז דער גרעסטער יִידישער צענטער אין בראַזיל.

פֿון: פּרץ הירשבײן, *מוסטערווערק, נר. 32*
ליטעראַטור-געזעלשאַפֿט בײַם יִיוואָ אין אַרגענטינע, 1967